STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03978

SHALOM FAYVISHKE

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאר.

שלום פייוושקע

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

שלום פּיוּוישקע

א יום־טוב'דיגע ערצעהלונג.

פון מ. ספּעקטאָר.

1.

פאַר פּסח אין גאַס.

ווען ביי דער שלום פּיוּוישקע אין קלייט האבען זיך געפונען א סך קונים און די סחורות זיינען געווען צו־וואָרפען, דענסטמאָל ווען א זייטיגער מענש האט זיא זאַטשעפּעט, פלעגט זיא ענטפערן:

— זייט־זשע מוחל, איהר וועט מוחל זיין קומען מאָרגען, איהר זעהט דען ניט, אז איך האב קיין צייט און ביי מיר אין קלייט איז איצטער האָרע קאָרע?

איצטער איז ביי דער שלום פּיוּוישקע אין קלייט אויף „האָרע קאָרע" און שטעלט אייך פאָר, אז זיא איז נאר אין קלייט ניט דאָ, איין אנדערס מאָל וואָלט ניט נאָר מיר, נאָר די גאַנצע שטאָדט זיך דארויף גע־וואונדערט:

— סטייטש, ביי דער שלום פּיוּוישקע אין קלייט איז האָרע קאָרע און די שלום פּיוּוישקע איז ניט דאָ!

איצטער אָבער, פערשטעהט איהר מיך, איז פאַר פּסח, דאַרום וואונדערט זיך קיינער ניט, ווארום יעדע יודישע „שלום פּיוּוישקע" האט נעגנוג צו טהון ביי זיך אין שטוב, אז זיא קען זיך קוים צורייסען.

מיינט איהר אפשר אז די קלייט איז פערמאַכט? חו"ש! וויא קען דאס זיין, וואו וועט די שלום פּיוּוישקע נעהמען פאַר איהר מאַן און קינדער אויף דעם גרויסען יום טוב וואס מען דארף קיין עין הרע אזוי פּיעל האבען?

די קלייט איז אָפען, עס טהוט זיך טאַקע דאָרט האָרע קאָרע, נאָר אויף דער שלום וויוּוישקעס אָרט געפינט זיך איצט ר' שלום פּיוּוויש אליין, ער קען זיך פּשוט ניט צורייסען, פון אללע זייטען שטעהט ארום איין עולם פון דיענסט־מיידלעך, ווייבער, שטוב־יונגלעך, עטליכע דאָרפס־גוים, א צוויי דריי קבצנים ביי דער טהיר און נאָך אנדערע, אללע צוזאמען שרייען, יעדער זיינס:

— ר' שלום פּיוּוויש! גיסט מיר אָן ניכער פאַר דריי גראָשען בוימעל!

— ניט מיר ניכער, ר' שלום פּיוּוויש, פאר פיער גראָשען צימרינג!

— עי זשידקאָ, דאוואי מיניע ניטקי, ביעלי!

— פאר צוויי גראָשען ווייסע לעהם!

— ניט מיר א נדבה, איך שטעה שוין ביי דער טהיר א האלבע שעה.

— וועגט מיר אָב 8 לויט צוקער!

— ר' שלום פּיוּוויש! איהר פערגעסט

א פנים, אז היינט איז פאר פסח, ניט מיר שוין ניכער דאס חאלבע פונט פסח'דיגע ציקאריע.

— ר' שלום פיוויש, ר' שלום פיוויש און ר' שלום פיוויש! רייסט מען איהם פון אלע זייטען ביי דיא פאלעס.

ר' שלום פיוויש דרעהט זיך אויף אלע זייטען, ער וויל אלעמען צופריעדען שטעלען נאר ער ווייסט ניט צו וואס פריהער זיך צו נעהמען. אין גרוים אייכעניש דראפעט ער זיך אויף אלע פאלעצעס, דא גיסט ער אן פאר צוויי גראשען און פערניסט אויף דער ערד פאר דריי, דא גיסט ער אן קעראסין פאר דריי גראשען און פארקאפעט א פונט צוקער פאר 15 קאפיקעס, חוץ דעם דארף ער קוקען מיט צעהן אויגען אויף אלע זייטען א שקאץ זאל עפעס ניט אוועק גנב'ענען, דער זאל גלאט אזוי ניט אוועקגעהן און ניט בעצאהלען; דא פארטשעפעט ער זיך מיט דיא לאנגע פאלעס אין א קנ[illegible]ייז און עס שיט זיך אוים גלייך אויף דער ערד וואו ער האט נאר וואס פערגאסען קעראסין; איינינע קונים קענען זיך ניט דערווארטען ביז דער קרעמער וועט זיי געבען און ווערען ביים קרעמער אין קלייט אליין קרעמערס, ד. ה. זיי ווענען זיך אליין אב, זיי נעהמען זיך אליין און דאנקען גאט אז ר' שלום פיוויש נעהמט ביי זיי צו דיא גראשענס, זיי זאלען שוין בעפרייט ווערען.

דערצו איז אויף דער גאס דיא שרעקליכע פאר־פסח'דיגע בלאטע, יעדער קונה וואס ניט צו לייזען צווייא גראשען, לאזט איבער אין קלייט א פור בלאטע וואס ער האט נעבראכט פון גאס. ר' שלום פיוויש אליין איז פון קאפ ביז דיא פיס איינגעטונקען אין בלאטע, בעשמיערט מיט א סך אנדערע מאטעריאלען. אויף איין ארט בלישטשעט א שטיק ארבעל אין ווייסער כעהם, דא איז דיא בלאטינע לאצקענע בעשיט מיט זאמד־צוקער, אין דער בארד זיינען איינגעשטעקט עטליכע ראזשינקעס, דיא בלאטינע פאלעס אבגעשמירט מיט קעראסין, בוימיל און עפעס נאך קאלירען א. ז. וו.

איך שווער אייך, ווען מען זאל נעהמען איצט איבערוועגען ר' פיווישען, קען איך ערוב זיין, אז ער וועט ווענען ניט ווינציגער וויא 10 פוד. אי וויא אזוי ריהרט ער זיך? וויא אזוי קען ער זיך נאך שלעפען ארויף אויף דיא פאליצעס? דאס איז טאקי נאטס וואונדער! גאט טהוט שטענדיג גרויסע נסים מיט יודען.

דער גאנצער פסח וואס קאכט יעדען אידען אזוי פיעל געלד און דער איד טראגט איהם אריין מיט צעהן פינגער, איז דען ניט קיין גרוים נס? דיא יודישע פרנסה בכלל וועגט דען ווינציגער פון הונדערט פוד? און פון דעסטוועגען זעהט־זשע גאט'ס גרוים וואונדער: דער שוואכער, קראנקער צובראכענער, אויסגעדארטער, איינגעהויקערטער יוד, וואס וועגט אין גאנצען אפשר דריי פוד, טראגט מיט פיעל ענערגיע דיא יודישע פרנסה וואס וועגט הונדערט פוד!

ניט אומזיסט זאגט מען: „דער יוד לעבט מיט נסים", „גאט הערט ניט אויף צו טהון פאר יודען גרויסע נסים".

* * *

נאך מעהר נס! ר' שלום פיוויש וואס האט נאך היינט אין זיין מויל ניט געהאט, האט נאך היינט אין זיין מויל ניט געהאט, קיין אנבייסען קאכט מען שוין ניט פון עטליכע טעג, ווער האט דאס גאר איצטער אין זינען? וועלכע בעל־בית'טע האט נאר איצט צייט צו קאכען אנבייסען? און ווער האט גאר צייט צו עסען?

* * *

פאר נאכט; דיא קונים האבען אויפגעהערט צו געהן, ר' שלום פיוויש פאלט צו וויא א דערהרג'עטער צו דער סטאיקע, ער שפארט זיך אן, ער רוהט זיך אב, ער חאפט דעם אטהעם, ער שעפט אין זיך דיא ענגע דושנע קלייט־לופט, דער שווייס קאפעט, ער טהוט עטליכע שווערע זיפץ אח; טרעהרען, ער וויל זיך ריהרען פון דער סטאיקע, אנהויבען זיך פערנעהמען אהיים, נאר עס איז איהם זעהר שווער, ער קען ניט, ער פיהלט וויא אלע זיינע גלידער זיינען איהם צובראכען, ער שטעהט ווייטער צוגעשפארט וויא א דערשלאגענער וואס פיהלט זיך ניט בכח א שטרוי פון דער ערד אויפצוהייבען.

פּלוצים טהוט ער זיך א חאַפּ פון סטאָיקע, וויא גלייך עמיצער האט איהם אָבנעבריהט. ער איז פּלוצים וויא לעבעדיג געוואָרען, וויא גלייך נייע קרעפטען בעקומען.

דער איינענער ר׳ שלום פּיוויש וואס האט פריהער מיט א מינוט קיין כח ניט געהאט זיך אויפצוהויבען פון דער סטאָיקע איז איצטער וויא א יונגער שטאַרקער לייב געלאָפען איבער דער קלייט אהין און אהער און געזוכט אביסעל וואסער. . .

— אָ וואַ! אָ וואַ! האט ער גערעדט צו זיך ארומלויפענדיג — אוי דיא וויסטע פּרנסה פאַרשלאָגט אזוי דעם יודען דעם קאָפּ, אז איך האב שיער, שיער מ נ ח ה פערגעסען דאווענען, נאך א פערטעל שעה וואָלט איך חו״ש שוין עובר מנחה געוועזן, אָ וואַ! אָ וואַ!.... איבער דער וויסטער פּרנסה קען מען אפילו א יוד ניט זיין וויא עס דאַרף צו זיין, אָ וואַ! אָ וואַ! שיער, שיער האב איך פערגעסען מנחה . . .

ניך האט ער געפונען אביסעל וואסער, זיך ארומגעוואַשען דיא שפּיץ פינגער, פערגלייכט באָרד און פּאות, איבערגערוקט דאס היטעל אויף זיין אָרט און זיך געשטעלט אין א ווינקעלע אָבדאַוונען מנחה.

נאך מנחה האט ער זיך ווייטער צוגעשפּאַרט צו דער סטאָיקע אָברוהען און דערווייל אויסגעשיט דאס געלד פון קעסטעל אויף דעם טיש און געצעהלט „דאס טאָג לייזונג״ און אלע מאָל א זיפץ געטהון.

דערווייל איז בייא דער קלייט דורכגעגאַנגען א בעקאַנטער און זעהט וויא בייא ר׳ שלום פּיווישען לייכט זיך נאך, איז ער אויף א מינוט אריינגעגאַנגען.

— א גוטער אבענד אייך.

— א גוט יאָהר אייך.

— וואס זיפצט איהר עפּעס אזוי, ר׳ שלום פּיוויש! האט איהר דען היינט ווינציג געלייזט? היינט איז זיך ב״ה פאַר פּסח.

— עס, אומשטיינס געזאגט, א סך געלייזט, אָדער ווינציג געלייזט, אלץ איין שוואַרץ יאָהר, אומשטיינס געזאָגט „יודיש לייזונג״... „יודישע קונים״.... וואס פאַר א גליקען מען קען שוין דערפון מאַכען...

— וואס־זשע זיפצט איהר? אז בייא אייך איז אלץ איינס, זיפצט מען גלייכער נים.

— עס זיפצט זיך אָבער, וואס זאָל מען טהון, דאַרויף איז מען דאָך א יוד.... וויא אזוי זאָל זיך ניט זיפצען, ווען איך טהו א קוק אויף דיא גראָשענס און דערמאָן זיך וויא שווער און ביטער זייא קומען אָן דעם אידען, וויא יעדער גראָשען איז מיט בלוט פערגאָסען, מיט ביטערען שוויים פערהאָרעוועט.

— זינדיגט ניט ר׳ שלום פּיוויש, איהר זייט זיך איין עהרליכער יוד, לויבט און דאַנקט גאָט וואס איהר פערדיענט אויף פּסח.

— געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, א מענש פערגעסט אָן א י ה ם און זינדיגט, לאָז ער מיר מוחל זיין און לאָז ער חאָטש פאַר מיין ביטערער האָרעוואַניע, מיר מיט מיין ווייב און קינדער געבען א כשרה׳ן פּסח.

— אָמן, רבש״ע! לאָז גאָט געבען אלע יודען זאָלען האבען א כשרה׳ן פּסח.

— א גוטע נאַכט, ר׳ שלום פּיוויש, לאָז גאָט אייך געבען מיט כל ישראל א כשרה׳ן פּסח.

— אָמן, גם אתם, א גוט יאָהר איין

* * *

דער בעקאַנטער איז אוועקגעגאַנגען, ר׳ שלום פּיוויש האט זיך אָנגעהויבען פערנעהמען אהיים, ער האט פעררוקט דאס היטעל און זיך אָנגעהויבען דערמאָנען וואס דאַרף ער מיטנעהמען אהיים, דען דיא שלום פּיווישקע האט איהם נאך נעכטען ביי נאַכט צעהן מאָל אָנגעזאגט, ער זאָל מאָרגען ווען ער וועט געהן פון קלייט מיטנעהמען דרייא כויט בוימעל, צווייא פונט צוקער, פיער שטעקעליך צימרינג, צווייא פונט קעראָסין, דעם גרויסען נייעם בוטעל אויף וויין, א נייע

קאטשערע, דיא צווייא נייע טעפ מיט דעם נייעם קיך־בענקעל וואס זיא האט זונטאג געקויפט אויף פסח און אנידער געשטעלט אין קלייט אין ווינקיל, און נאך זיבעצעהן זאכען וואס מען דארף האבען אויף פסח. זיא האט איהם נאך אמאל איבערגעחזרט ער זאל חו״ש נאר נישט פערגעסען, ווארום עס איז איצטער קיין צייט ניט דא זיא אדער דאס דיענסט־מיידיל זאלען געהען אין קלייט נעהמען.

א גאנצע האלבע שעה האט זיך ר׳ שלום פיוויש געבראכען דעם מוח, ער זאל נאר ניט פארגעסען, אלע מאל זיך דערמאנט אן א נייער זאך, זיך צו ביסלעכווייז אנגע־לאדען פון אלע זייטען מיט דיא אלע זאכען וואס זיא האט געהייסען ברענגען.

דער קאפ, דיא הענד, דיא פלייצעס, אלץ איז געווען פערנומען, עס איז ניט גע־בליבען אליידיג שטיקעל ר׳ שלום פיוויש׳ן מען זאל האבען וואו א שפילקע צו ווארפען, אזוי איז ער געווען פול אנגעלאדען ארום און ארום, אין דער ברייט און אין דער לענג, פון אויבען און פון אונטען.

אזוי האט ער פערמאכט דיא קלייט און מיט דיא קלינגענדיגע שליסעל האט ער געשפאנט אין דער גרויסער פאר־פסח׳דיגער בלאטע איבער דער ברייטער גאס אהיים.

אפילו דורכפאהרער האבען ר׳ שלום פיוויש׳ן אבגעטרעטען דעם וועג, ווייל אין דער נאכט האט זיך אויסגעוויזען, אז עס שלעפט זיך עפיס א גרויסער וואגען מיט א סך משא פון פעק, קלומקעס, מעהל, פעסליך און אנדערע שטוב־זאכען, און ר׳ שלום פיוויש שפאנט אונטער דער גרויסער משא.

— ערשט איצטער האט ער אנגעהויבען פיהלען וויא דאס הארץ קלעמט איהם זעהר, וויא ער האט דעם גאנצען טאג נאך אין מויל ניט געהאט, נור ער שפאנט און קרעכצט און זיפצט וויא דיא רעדער אונטער א שווערען וואגען, נאר.... אט באלד, באלד וועט ער שוין ב״ה קומען אהיים......

2.

פאר פסח אין שטוב.

אין שטוב פליהעט ארום דיא ש ל ו ם פ י י ו ו י ש ק ע פון איין ארט אויף דעם אנדערן, זיא ווייסט ניט וואו פריהר, זיא קען זיך ניט צורייסען, זיא שרייט און שעלט אויף דיא קינדער, אויף דעם דיענסט־מיידיל, זיא שרייט און שעלט אויף זיך אליין, וואס זיא איז נאר געבוירען געווארען אויף דער וועלט.

איהרע אלע קללות, געפילדערן און גע־שרייען זיינען נאר דערפאר, ווייל דאס דיענסט־מיידיל האט דעם בעזים ניט אנידער־געשטעלט וואו זיא האט געהייסען, אדער א קינד איז דורכגעגאנגען אויף אזא שטיקעל ארט וואו זיא האט געוואלט בעטראכטען, צו קען מען עפיס דארט אנידערשטעלען, און נאך איבער אזיינע וויכטיגע זאכען.

עס איז שוין איינגעפיהרט, אז יעדע שלום פיווישקע מוז פאר פסח פערשרייען און פערשעלטען דיא גאנצע שטוב און זיך אליין, גלייך וויא אהן זייער שרייען קען קיין כשר׳ער פסח ניט ווערען.

אין מיטען דער שלום פיווישקעס גע־שריי, האט זיך געעפענט דיא טהיר און ר׳ שלום פיוויש האט זיך אנגעהויבען אריינ־רוקען מיט זיינע אלע פעק.

ער האט ניט אוספייעט אראבווארפען פון זיך זיינע פעק, האט דיא שלום פיווישקע אוועק געווארפען דיא קינדער מיט דעם דיענסט־מיידיל און זיך געווארפען אויף שלום פיוויש׳ען.

— א דונער האט מיך דערשלאגען, זעהט נאר מיינע גרויסע אונגליקען!....

— וואס איז? האט שלום פיוויש קוים אויסגערעדט און זיך צוגעזעצט אברוהען אויף דעם־ערשטען בענקיל.

דא האט זיא זיך נאך מעהר אנגע־צונדען און איהם אראבגעשטויסען פון בענקיל.

— קוילער מיינער! מערדער מיינער!

וואס ווילט איהר האבען אלע פון מיין לעבען; וואס פאַרקירצט איהר מיר די יאָהרען?! אוי רבש"ע, פאַר וואס בין איך גאר געבוירען געוואָרען?!

— וואס איז פאָרט? פרעגט שלום פּייוויש און וויל זיך ערגעץ צושפּארען, נאָר זיא לאָזט איהם זיך ניט ריהרען פון אָרט און שרייט ווייטער:

— דוא פרעגסט מיך נאך וואס? אוי א צרה אין מיין פּנים, אוי מיין פינסטערע וויסטע וועלט! „וואס" פרעגסט דוא? דוא זעהסט אליין ניט, די אויגען זיינען דיר אויף דער פּאָטיליצע? זעהסט ניט ווי דוא האסט מיר אָנגעטראָגען בלאָטע און זעצטסט זיך נאך אויף דעם אבגעכשר'טען בענקיל, אוי, מיין ביטערע האָרעוואניע! איין איינגענער מאָן, איינגענע קינדער האבען קיין רחמנות ניט אויף מיר, עס איז קאָרג פאַר מיר די געזונטע מויד וואס עסט מיין זאַלץ און ברויט און צוזעצט מיר מיט איהר יעדער ארבייט די גאַל, דאַרף מיך אפילו ניט שאָנעווען מיין איינגענער מאָן און מיינע איינענע קינדער!

די שלום פּייווישקע האט זיך צורוויינט, און ר' שלום פּייוויש האט פערשטאַנען, אז זיין ווייב איז גערעכט און ער איז שולדיג; און ווי די פּיס האבען איהם געהאַקט, איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט ווי איינגעגראָבען און געטראַכט ווי זאָל ער דאַ איינגעהמען זיין ווייב.

ער האט געפונען איין עצה, ער האט אָנגעהויבען שרייען אויף דעם עלטסטען קינד וואס זייא דערקוטשען דער מאַמען, נאָר ער האט געזעהען אין די קינדערס פּנים ווי זייא זיינען נעבעך גאָט די נשמה שולדיג, און האט ווייטער געשוויגען און געשטאַנען אויף איין אָרט.

און עסען האט ער פערגעסען, ער האט געדאַנקט און געלויבט גאָט וואס דאס ווייב איז אביסעל אנשוויגען געוואָרען.

מיט שטילע טריט, מיט גרויס פּחד זיא זאָל ניט דערזעהען, האט ער געפונען א שטיקעל חמץ'דיג אָרט וואו ער האט זיך געקענט צוזעצען, דאס איז געוועזען דאס חמץ'דיגע פאַס, אויף וועלכען עס איז געלעגען דאס לאָקשען־ברעט, נאָר אלעמאל ווען דאס מיידיל איז געקומען נאך וואסער, האט ער געמוזט געשווינד אראָבשפּרינגען.

די קינדערלעך וואס זיינען געוואָהנט, אז ווען דער טאַטע קומט פון דער קלייט, זאָל ער זיי עפּעס ברענגען, האבען זיך איצט אויך צו איהם צוגעשאַרט די מאַמע זאָל ניט זעהן.

— איך האב איצט נאר נישט, קינדערלעך, איך האב זיך קוים פערטראָגען, איך האב פערגעסען....

— מיר האבען היינט מעהר ניט געגעסען ווי א שטיקעל ברויט, האבען זייא געענטפערט טרויעריג.

די קינדער האבען שלום פּייוויש'ען דערמאָנט שטאַרק אָן זיין הונגער.

— וואַרט קינדערלעך, די מאַמע וועט זיך אָבפּאָרען, וועט זיא מיר מכתמא עפּיס געבען עסען, וועל איך אייך אויך געבען.

ר' שלום פּייוויש וואַרט און וואַרט, נור די שלום פּייווישקע דערמאָנט אפילו ניט פון עסען, זיא איז נאך אלץ פערנומען אין שטוב מיט דעם דיענסט־מיידיל און הערט ניט אויף צו שרייען און שעלטען זיא און זיך.

— דוא האסט עפּעס אָנגעגרייט ווערטשערע? האט ער שטיל געפרעגט דאס ווייב, ווען זיא איז געגאַנגען נאך וואסער און ער איז אראָבגעשפּרונגען.

מיט דעם טאָפּ וואסער אין די הענד האט זיא זיך אומגעקעהרט צו איהם אין א געשטאַלט פון א פראַגע־צייכען (?).

— ווערטשערע פרעגסט דוא מיך? פאַר וואס האסט דוא ניט אָנגעגרייט פאַר מיר? וואס איז, איך בין עפּיס דיינע איין עבדבנעני? זעהסט ניט אז איך האב קיין הענד ניט? אוי די מאַנסבילען! אלעס גיעב זייא נאָר גרייטס, זייא ווילען גאר ניט בערעכענען די יודענע.

דיא שלום פייווישקע וואלט זיך צד דרש'עט ווייטער וועגן „בארעבענען דיא יורענע“, נאָר ר' שלום פייוויש אליין האט זעהר פיינד נעהאט צו רעדען, ובפרט נאך הערען פון זיין אייגען ווייב א דרשה וועגען „דער פרוע־פראגע“.... ער האט באלד זיך פאר איהר פערענטפערט, אז ער האט גאר ניט געמיינט „קיין וועשערע“, ער האט גלאט אזוי געפרעגט, „טאמער איז דאָ א שטיקעל ברויט“, דערמיט האט ער זיך קוים אבגעטשעפעט פון איהר, ער האט זיך אליין דערביוועט צו דער מולטער און פערליינט זיין פאר־פסחדיגען הונגער מיט א שטיקעל ברויט.

3.

פסח אומעטום.

אם פסח איז גאר אנדערש!.... א גאנץ איבערקעהרעניש! סאי אין גאס, סאי אין שטוב, און אומעטום וואו איהר ועט נאָר א קוק טהון.

דיא ליעבע פריהלינג־זונן האט לכבוד יום־טוב אוספייעט אויסצוטריקענען אויף א סך ערטער דיא גרויסע פאר־פסח'דיגע בלאָטע, אז מען דארף שוין ניט געהען מיט פארקאטשיטע פאלעס, און אין וועלכער שטוב מען קומט מיט „א גוט יום־טוב“, טראָגט מען שוין ניט אריין קיין פוד בלאָטע, נאָר א סך ליעבשאפט און פריינדשאפט.

דיא קלייטען זיינען נאך פון דעם ערשטען טאָג אָן פערמאכט, און אזא גרויסע פערענדערונג איז אומעטום, אז אפילו ר' שלום פייוויש'ען מיט דער שלום פייווישקע וועט איהר אויך ניט דערקענען, קיין שפריינקעלע בלאָטע וועט איהר אויף איהם איצט ניט געפינען, קיין פיצעל זאָרג וועט איהר ניט זעהען אויף זיין פנים, ער איז אויסגעוואשען, אויסגעפוצט וויא ריין גאָלד, זיין פנים שיינט, ער געהט גלייך מיט גרויס שטאָלץ, ער ווייסט, אז ער האט דעם כשר'ן פסח עהרליך פערדיענט, און האט נאך פאר אָרימע לייט עטליכע רובעל מעות חטים געגעבען.

דיא שלום פייווישקע איז אוודאי ניט צו דערקענען, ווארום איהר קענט זיא דאָך פאר א שלעכטע, פאר א שרייערין און א שעלטערין, פאר א בייז ווייב, פאר א בעזע מוטער; קוקט־זשע זיא אָבער איצטער (אם יום־טוב) אָן; וויא ליעב, וויא שעהן, וויא גוט זיא איז צו איהר מאַן און קינדער, זיא טהוט מעהר ניט דעם גאנצען יום־טוב נור זיא געהט ארום איהר מאַן און קינדער און האט צו זיי טענות:

— פאר וואס עסט איהר ניט, פאר וואס זיצט איהר מיט פערלעגטע הענד וויא דיא כלי־זמר? געלויבט איז גאָט, איך האב אָנגעגרייט נענוג אויף דיא גאנצע אכט טעג.

איהר מאַן און קינדער זיצען ביים טיש וויא דיא גראפען און ענטפערן איהר:

— וואס ווילסט דוא האבען פון אונז? מיר האבען גענוג געגעסען, מיר קענען שוין מעהר ניט, וואס זיינען מיר שולדיג, אז דוא האסט קיין עין־הרע אזוי פיעל אָנגעקאָכט און אָנגעבאקען און איצט האסט דוא צו אונז טענות!

— געלויבט איז גאָט! אויף יום־טוב איז קיינמאָל ניט איבריג, דארויף האבען מיר געהאָרעוועט עס זאָל זיין איבעריגס.

— טהוט מיר צוליעב און עסט, הערט זיא ניט אויף צו בעטען, ניט נאָר איהר מאַן און קינדער, נאָר דעם אורח וואס עסט ביי איהר א גאנץ יום־טוב און אלע געסט וואס קומען צו איהר „יום־טוב בעטען“. אפילו דעם דיענסט־מיידיל, וועלכע זיא האט פאר פסח געשאָלטען און אויף איהר געשריען, איז דיא שלום־פייווישקע אויך גוט געוואָרען; זיא האט איהר געשענקט א קלייד אויף יום־טוב, און איצט בעט זיא איהר אויך זיא זאָל עסען.

מיט פערגעניגען איז זיא גרייט זיך טהיילען מיט דעם וואס זיא האט אָנגעגרייט

אויף יום־טוב, מיט קרובים, פריינד, רייכע און אָרימע, פרעמדע און היימישע; פאר אללע איז איצט אָפען איהר שטוב, איהר טיש. יעדען טאָג קומען צו איהר אָרימע ווייבער און זיא ניט, דער — אין א טעפּעל א צווייא לעפעל שמאלץ, דער — עטליכע מצות א. ז. וו.

* * *

טרויעריג, שווארץ, פינסטער און נעמוטשעט איז דער יוד אין זיין וואָכענדיגען לעבען; קוקט אָבער אָן איהם און זיין לעבען אום יום־טוב ובפרט נאָך אום פסח! „פסח איז יעדער יוד א מלך, זיין פרוי א מלכה, זייערע קינדער פרינצען און פרינצעסינען!“ מיט שטאָלץ דערצעהלט דער יוד וויא ערשט פאר פסח זיינען זייא אלע געווען קנעכט, איצט אָבער זיינען זייא פרייע מענשען גלייך מיט אלע. דער פסח מיט זיין געשיכטע פון דיא צרות וואס יודען האבען איבערגעליטען אין מצרים, פון וואנען נאָט האט זייא מיט נסים ארויסגעפיהרט, גיט זייא נייע קראפט איבערצוטראָגען מיט געדולד און מיט פערטרויען צו גאָט דיא ביטערע צרות וואס דאס טעגליכע וואָכענדיגע לעבען גיט זייא אויף יעדען שריט. פעריאָגט, פערזאָרגט וויא דער יוד איז דוך דיא שטענדיגע צרות און ערנידערונגען, איז ער אָבער פערזיכערט, אז דאס איז נישט אויף תמיד, א קנעכט איז ער נאָר איצטער, מיט דער צייט וועט ער אָבער ווערען א פרייער מענש. „השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין“ — דיא ווערטער זיינען דיא געהיימע קראפט, וועלכע דערהאלט דעם יודען און דאס גאנצע יודענטהום, דורך זייא פאלט דער יוד ביי זיך נישט אראָב, אין זייא ליגט דער גאנצער געדאנקען פון נאציאָנאל־געפיהל, און דאנק דעם וועט דאס יודענטהום דערלעבען א גליקליכע צוקונפט, און אללע זיינע מיטגליעדער וועלען זיין „ב נ י ח ו ר י ן“.

א גערוס.

(א מעשה שהיה)

פון מ. ספעקטאָר און גריאַר.

איך בין דעמאלס ארומגעפאהרען איבער דיא תפוצות ישראל און געזוכט דעם נעכטיגען טאָג.

דאס מול האט מיך אין דיא זוכענעס פערוואָרפען אין דער גרויסער שטאָדט אדעסס, דא האב איך בעגעגענט וועמען איהר ווילט, נור דעם נעכטיגען טאָג האב איך נים געפונען.

איך האב געדאַרפט נעהמען דאָס פעקיל און זעקיל און פאָהרען ווייטער.

אין פלאַן איז ביי מיר געווען דורכצופאָהרען מיראזאווקע. לעאָן סאפראָ, מיינער א חבר פון חדר, מיט וועלכען איך האָב זיך איצט נאָך א צייט מיט יאָהרען אויף דאָס ניי בעגעגענט און געטראָפען איהם אין אוניווערזיטעט אויפ'ן דריטען קורס פון דעם מעדיצינישען פאַקולטעט האט מיך פאר'ן אָבפאָהרען געבעטען, איך זאל אין מיראזאווקע אונבעדינגט זעהן זיין כלה און אבגעבען פון איהם א ווארעמען גערוס. און אזוי טאקע האָב איך פערצייכענט אין מיין נאָטיץ־ביכעל: פריילין ווער־באָוויץ א גערוס פון חתן, לעאָן סאפראָ.

דער גערוס, דוכט זיך, איז מיר אין דער לינקער פאה אפלו נים געלעגען, נור איך וויים אליין נים ווי אזוי, האב איך זיך וועגען דעם אויפ'ן וועג דערמאָנט. פאר מיינע אויגען האט זיך געשטעלט לעאָן און איך האב געלעזען אין זיין געזיכט, אין זיינע אויגען, אין זיינע מינעס יענע הייסע געפיהלען, וואס טרייבען ארום דאס בלוט אין דיא אָדערען מיט האסט, מאַכען הייס אין מארך און מאַכען פויקען דאָס הארץ.

— א ווארעמען גערוס! האָבען מיר געקלונגען אין דיא אויערען לעאָנ'ס ווערטער און איך האָב געזעהן, וויא דיא אויגען האָבען זיך איהם אָנגעצונדען.

יענע יאָהרען, ווען איך האָב צו איהר געשריבען צעטעלאַך און געקאלעוועט מיט א קלאַפּענדען הארץ ארום איהר הויז, ווען א שטיינער „זיא" איז געשלאָפען און טהיר און טהויער זיינען געווען פערהאקט און איך האָב געוואָרפען זשעדנע בליקען אויף איהר פענסטער, האָבען פלוצים ערוואכט אין מיין מארך און עפעס א צארטעס איידעלעס געפיהל האט גענומען פרעסען סטשיסען מיין ברוסט, עפעס איז אויף מיר אָנגעפאלען א בייגקעניס, א זיסער טרויער און האט מיך אין גאַנצען

צושריפם. ווי לאנג בין איך אזוי געזעסן פערזונקען אין דעם דיסען טרויער געדיינק איך נים, נור דאס געדיינק איך, אז ערוואכט האב איך מיט די ווערטער:

— את, נארעשער מענש!

דער נארעשער מענש איז געווען געשיקט אויף לעאנס אדרעס. איך, פערשטייט זיך, בין איך א פיקח, איך האב שוין א ווייב מיט צוויי קינדער, נור נים קוקענדיג אויף דעם האב איך דאס געזאגט מיט א שטיקעלע קנאה אין הארצען: פאר וואס איז די נארישקייט ביי מיר נים פערבליבען? אויף פיעל בין איך דאס עלטער פון איהם?

מיין רייזע האט געדויערט צוויי טעג און איך בין אראבגעקומען אין מיראר וואוסע פארנאכט. איך בין פערפאהרען אין אן אכסניא, האב אבגעוואשען אביסעל פון זיך די פול און אזוי ווי טאן ווענען מיין זאך האב איך איצט נים געקענט, אויף די פערספעקטיווע צו פערברענגען א זומערדיגען אבענד אין די פיער וועגד פון א קליין צימער אין אן אכסניא איז נים געווען אזוי אנגענאהם, בין איך געגאנגען איבערגעבען דעם נערוס.

פערשטאנען האב איך, אז א גאסט וועל איך זיין נים קיין קליינער. זיא פון א קליין שטעדטיל, ער א סטודענט אין אדעסס, זיינער א חבר און א לעבעדיגען נערוס, עס וועט זיין ליהודים. לאנג פרעגען האב איך נים געדארפט, דער ערשטער אידעל, וועמען איך האב אנגעגענט האט מיר אנגעוויזען וואו צו גיין און אין וואסערע צעהן מינוט בין איך שוין געווען דארטען.

ליידער האב איך די פריילין אליין צו הויזע נים געטראפען, מיט א פערטעל שטונדע צוריק איז זיא ארוים שפאצירען, מאדאם ווערבאוויץ האט זיך אפילו נער סטארעט אבצוהאלטען מיר, נור אבזיצענדיג אן ערך וועלכע האלבע שטונדע, האב איך זיך אויפגעהייבען פון מיין ארט און אוועק צו זיך, פערשטייט זיך, די מוטער האט פון מיר גענומען דאס ווארט, אז איך זאל אונבעדינגט קומען איבערגעבען דעם נערוס.

איך בין געקומען צו מיר אין נומער מיט א שטיקעל פערדרוס פאר מיין געגארטען חשבון און בין דערפאר געגאנגען באלד שלאפען.

געשלאפען בין איך ווי נאך אוועג. אין דער פריה ווען איך האב זיך אויפ־געכאפט האט מיר דער בעל אכסניא געזאגט, אז נעכטען ביי נאכט איז דא געווען מען פרעגען ווערבאוויצעס טאכטער נור איך בין שוין געשלאפען.

עס איז נאך געווען פריה אריינגיין אבצוגעבען דעם נערוס און דערווייל בין איך פריהער ארויסגעגאנגען ווענען מיין זאך.

א ווינער צעהן בין איך אריין צו ווערבאוויץ, נור איך האב דיא פריילין ניט געטראָפען. זיי האבען מיר געזאָגט, אז זיא האט זיך ניט געקענט דערוואַרטען און איז געגאַנגען צו מיר און זיי וועלען נאך איהר שיקען דיא דיענסט, נור דעם טאָג האב איך ניט געוואלט צושלאָגען און האב דאריבער ניט געקענט וואַרטען.

בעפרייט פון מיין געשעפט האב איך זיך זייער שפעט און בין דאריבער אוועק צו זיך אין נומער. ליגענדיג שוין אין בעט, האב איך געהערט, וויא עמיצער איז צוגעקומען צו מיין טהיר און האט געפרופט דיא הענטיל, אויף מיין פראגע, ווער איז דאָרטען? האב איך בעקומען אן ענטפער פון בעל אכסניא: פון ווערבאוויץ איז מען מיר געקומען זעהן. איך האָב איהם געענטפערט, אז איך שלאָף שוין, נור וויא עס שיינט איז דער ענטפער פאר איהם געווען ניט גענוג שטארק, ווייל ער האט מיר גלייך בעמערקט, ווערבאוויצעס טאכטער אליין איז דא. אבער איך שלאָף שוין, האב איך ווידערהאָלט און געמיינט, אז איצט וועט זיך מיין בעל אכסניא בעגנוגענען, נור ער האָט אויף דעם אויך געפונען וואס צו ענטפערן: זיא איז שוין דא היינט דאס וויאפיעלטע מאָל. מארגען אין דער פריא וועל איך זיין ביי זיי, האב איך געענטפערט און דעם בעל אכסניא'ס טריט האבען זיך געהערט דערווייטערען זיך.

— א פארליעבענעס אביסעל! האָב איך צו זיך געזאָגט. אזוי שפעט איז זיא ניט פויל צו לויפען אבנעהמען א גערוס פון געליעבטען.

אויפגעשטאַנען בין איך גאנץ פריה און דיא ערשטע זאך וואָס איך האב געטאן איז געווען צו גיין צו ווערבאוויץ מיט'ן גערוס: קיין עטיקעט האָב איך שוין ניט געאַכטעט, אז צוועלף ביי נאכט קען דיא פריילין קומען אין אכסניא, מאג איך גיין זיבען פריה צו איהר אין הויז. נור דיא הויז איז געווען פערזונקען אין שלאָף, דיא איין דיענסט נור איז געשטאנען אין פארהויז און געמאַכט דעם סאמאָוואר.

— זיי האבען זיך נעכטען געלייגט שפעט, האט זיא מיר געזאגט.

איך האב זיך שיער ניט צולאכט. מיר אליין האט שוין אָנגעהויבען צו שיינען ווילד אונזער יאָגען זיך איינער נאכ'ן צווייטען און דאס ניט טרעפען זיך. נעבאך, זיא וועט דארפען ווייטער וואַרטען א גאנצען טאָג ביז איך וועל קענען אריינקומען א צווייטען מאָל. און איך האב איהר בעדויערט, פון גאנצען הארצען.

עס איז שוין געווען א זיינער צעהן אבענדצייט, ווען איך בין דאס צווייטע מאָל אריינגעקומען צו ווערבאָוויץ. מיין ערשטע פראגע איז געווען מיט א שמייכעל: ווייטער ניטאָ? אויף דעם האט מיר דיא מוטער געענטפערט, אז זיא איז היינט נאך ניט ארויסגעגאַנגען, „מפתח ביתר" און זיצט וויא א צושמיטע און וואַרט אויף מיר.

ווי איז מיר גלייך ארויסגעלאָפען אנטקעגען און אריינגעפיהרט אין זאל און אנגעהויבען פארשיטען מיר מיט פראַגעס. האט איהר איהם אליין געזעהן? ווי זעהט ער אויס? איז ער פרעהליך? וואס האט ער געזאָגט?.... זי האט געשאָטען מיט פראַגעס איינע נאך די אנדערע און באלד ווייטער איבערגעפרעגט און אָבער געפרעגט און איהרע אויגען האבען געגלאנצט און געבליצט און עס איז געווען קלאָהר ארויסצוזעהן, אז דאס ריידען וועגען „איהם" גיט איהר חיות.

און, דוכט זיך, זי האט איין קלייניגקייט ניט איבערגעלאָזט, איך האב איהר געדארפט דערצעהלען, וואָס פאר א וואָהנונג ער האט, צו ער טראָגט די רובאַש־קע, וואס זי האט איהם אויסגענייט, צו ער האט אָבגעשוירען זיינע לאַנגע האָר, צו ער פערטראכט זיך אזוי פלוצים און הערט ניט, וואס מען רעדט צו איהם. איך בין זיך מודה, אז איך האב פיעל מאל געענטפערט אויף אזעלכע זאכען, וואס איך האב אליין ניט געוואוסט, נור דאס האב איך געטאן פאר איין ברירה, זי איז צו מיר אזוי צוגעשטאנען, אז איך האב געמוזט ענטפערן, כאָטש זאגען א ליגען אבי ענטפערן.

ווען דער זייגער האט געשלאָגען צוועלף, האָב איך שוין גערעכענט אז מיין מיסיאָן איז גע'פטר'ט, איך האב זיך אויפגעהויבען און געוואָלט נעהמען אבשייד, נור וואו? וואס? זי האט ניט געוואָלט הערען און זעהען:

— אזוי לאַנג זאָסטאוועט מיר וואַרטען אויף אייך און איצט גלייך נעהמען אנטלויפען! ניין, איהר וועט נאך מיר דערצעהלען פון לעאָן, איך האב נאך אזוי פיעל צו פרעגען!

זי האט אליין גענומען פראַווען א צובייסען: איהר זייט געווים הונגעריג? האט זי מיר געזאָגט. די גאַנצע פאַמיליע האט זיך געזעצט צום טיש און ביים צובייסען האבען מיר אזוי אבגעשמועסט ביז איינס א זייגער.

— איצט איז געווים צייט צו גיין! האב איך געזאָגט נאכ'ן זאָטען צובייסען. איהר מאָנט מיר שוין ארויסטרייבען!

נור איצט אפילו האט זי מיר אויך ניט אָבגעלאָזט. מיר זיינען ווייטער אי־בערגעגאַנגען אין זאַל און איך האב זיך געזעצט נעבען פענסטער. דער ברייטער אבאזשור אויפ'ן לאָמפּ האט קאָנסענטרירט די גאַנצע ליכט אויפ'ן טיש און ארום און ארום אין צימער איז געווען האלב דונקעל. די נאכט, א פריהלינג נאכט, איז געווען א צויבער־שעהנע. די לבנה איז געשטאַנען אויפ'ן הימעל פונקט געגען איבער דעם פענסטער און איהר פולען גלאַנץ און האט פערדונקעלט אלע שטערען. דער דרויסען איז געווען בעגאָסען מיט אַן אנגענאהמע בלאַסע ליכט, יענע בלאַסע, ער־

קוויקענדע ליכט, וואס נים דיא שטארקסטע פלינלען דיא פאנטאזיע און לאזט דיר פליהען, שוועבען איבער בערג און טהאלען און רינגעלט דיר ארום מיט גאנצע מחנות גייסטער און רוחות פאר שומרים.

איך האב זיך געזעצט נעבען פענסטער און געשלתנגען דעם אראמאט פון פרישען גראז און נים געוואוסט, וואס מיט מיר איז. אלס א חבר פון דיא קינדערשע יאהרען, האב איך איהר נעדארפט דערצעהלען פון זיין קינדהייט, אלץ, אלץ האט איהר אינטערעסירט. דא האבען זיך אריינגעמישט אלע ערוואינערונגען פון מיינע קינדערשע יאהרען און מיר האט נעדאכט אז איך דערצעהל נים פון קיין פרעמדען, נור איך עפען מיין הארץ פאר איהר און זיא שלינגט מיינע ווערטער, און עס הייבט זיך איהר הארץ און עס בליצען און עס גלאנצען איהרע אויגען.

וויא אזוי האט דאס פאסירט, אז מיינע ארעמס זיינען ארומגעפאלען ארום איהר האלז און מיינע ליפען האבען זיך צוגעקלעפט צו איהרע און הייסע קוסען, ברענענדיגע קוסען, פייערדיגע קוסען האבען זיך גענומען שיטען פון מיין מויל און זיא האט מיר אויף זיי געענטפערט? וויא אזוי האט דאס געטראפען, אז זיא איז געזעסען אויף מיינע קניע און האט שטיל צוגעטוליעט איהר בלאנדע קעפיל צו מיין שטארק קלאפענדען הארצען און איך האב איהר ארומגענומען מיט מיינע הענד וויא מיט קלעסטשעס? איך געדיינק אפילו נים, וויא לאנג מיר זיינען אין דער פאזע געזעסען, נור ווען מיר האבען ערוואכט האבען מיר געזעהן, וויא דיא לבנה האט זיך אבגערוקט וויא פון דרך ארץ ועגען און א זייט און מיט איין אויגעל געווינקט צו אונז דורכ'ן פענסטער.

איצט איז מיר געווען שווער אויפצוהייבען זיך און אוועקגעהן, נור דער זייגער איז שוין געווען דריי און עס איז געווען צייט.

זיא איז מיט מיר ארויסגעגאנגען אין דרויסען און נאך א היבשע ווילע געשטאנען און פערגניגט זיך אויף דער זיסער רוח, וואס איז געווען אויסגעגאסען איבעראל.

* * *

אויף מארגען בין איך אבגעפאהרען, מיר האבען זיך געשיידט וויא אלטע, גוטע פריינד. פיעל מאל האב איך זיך געפרעגט, וויא אזוי האט דאס פאסירט, מיר האט דאס אינטערעסירט פון דער ריינער פסיכאלאגישער זייט און קומענדיג א היים, האב איך דאס דערצעהלט מיין פרוי אלס א קוריעזע זאך, נור אנשטאט א דאנק האב איך פון איהר געכאפט א פסק.

— דער —

אידיש אמעריקאנער רעדנער

א ריעזען ווערק אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט 600 זייטען אנגעפילט מיט דיא בעסטע און פאפולערסטע רעדעס געשריבען אין די שעהנסטע און דייטליכסטע אידיש, פון די גרעסטע אידישע רעדנער אין אמעריקא, ווי אויך פון דיא בעריהמטע אידישע שריפטשטעללער, וועלכע האבען ספעציעל געשריבען פאר דיעזע ענציקלאפעדיע פון רעדנער קונסט וואס וועט בלייבען אלס דער שעהנסטער מאנומענט פון קונסט אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט א גרויסע הקדמה איבער די קונסט פון האלטען א רעדע ווייא אויך פיעלע רעדעס צו האלטען ביי א ברית, א מזל־טוב, א פדיון הבן, א בר מצוה, א תנאים, א חתונה, זילבערנע און גאלדערנע האכצייטען, ביי א לויה, שטעלען א מצבה, חנוך הגדר א. ז. וו.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט אויך פרעכטיגע רעדעס פיר לאדזשען, פעראיינען, קלאבס, געבורטס־טאג: פארטיעס, סיום התורה און ציוניזמוס, רעדעס פיר יוניאנס און העבסט בעלעהרענדע פאטריאטישע רעדעס פיר אללע אידישע ימים־טובים צו האלטען אין שוהל און אין האלל, ווייא אויך א בוקעט הומאריסטישע רעדעס צום לאכען ביי געוויסע געלעגענהייטען.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, איז רעדאקטירט פון פראפעסאר ג. זעליקאוויץ, (סמבטיון, ליטווישער פילאזאף) וועלכער האט אלס רעדאקטאר פון בוך, אליין אויך געשריבען צעהנדליגע רעדעס פיר יעדע געלעגענהייט.

ענגלישע רעדעס.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער האט אויך א ביילאגע פון פערשיעדענע ענגלישע רעדעס, פיר אמעריקאנאזירטע אידען וועלכע קענען שוין רעדען אין דער לאנד'ס שפראכע, דיעזע ענגלישע רעדעס זיינען גענומען פון די בעסטע או' גרעסטע אמעריקאנער רעדנער ביכער און בעארבייטעט נאכ'ן אידישען געשמאק.

בר־מצוה רעדעס.

א בעזונדער טהייל פון דעם **אידיש אמעריקאנער רעדנער,** איז געווידמעט פיר בר־מצוה רעדעס, וואס יעדע פון זייא איז א פערל, און געשריעבען פון דיא גרעסטע פאבליום און פעדאגאגען. די בר מצוה רעדעס זיינען אין 3 פערשיעדענע שפראכען אין אידיש ענגליש און העברעאיש.

פרייז פיר דעם אמעריקאנער רעדנער מיט דיא בר מצוה רעדעס	150
פרייז פיר די בר־מצוה רעדעס אליין, פאפיער באנד 35, קלאטה באנד,	50

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער,

היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט, נויארק.

אידישע ליטעראַטור.

אונטער דיעזען נאמען זיינען ביי אונז יעצט ערשיענען די פאָלגענדע אויסגעוועהלטע ווערקע פון די בעסטע אידישע ליטעראַטען און פּאָעטען.

אברהם אבינו׳ס לעבענס-בעשרייבונג, א. ראזענבערג,	3
אויפגעקומענער גביר, שלום-עליכם,	3
אַז מען זאָגט משוגע, גלויב, י. ל. פרץ,	3
אידען אין פרס ומדי, א. טאנענבוים,	3
איזאבעלא׳ס נשמה, ל. ראבינאוויץ	5
אייזיק׳ל שוחט, י. ל. פרץ,	3
אינדיען (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן,	5
אין שטראָם פון רעוואלוציאָן, מ. דאַנציס,	5
דער אלטער און דער נייער דור (דור הולך ודור בא), א. גאָלדפאַדען,	15
ארץ־ישראל פושקע, מ. ספעקטאָר,	3
באַרדיטשעווער טהעאַטער, שלום-עליכם,	5
באַרדיטשעווער טראַמוואַי און האָטעלען, שלום-עליכם,	5
באַשערט אַנ׳אונגליק, שלום-עליכם,	3
בבל (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן,	5
ביי׳ם דאָקטאָר, שלום-עליכם,	3
בלינדער בעטלער, א. באַראַף,	3
בן יחיד, ב. גארין,	3
בשעת מגפה, י. ל. פרץ,	3
גאלדעלע, מ. ספעקטאָר,	3
גיטעלע׳ס יום־כפור, י. דינעזאָהן,	3
גימנאַזיע, שלום-עליכם,	3
געלד און לעבען, ד. עדעלשטאַט,	3
דור הפלגה, א. גאָלדפאַדען,	5
היינריך היינע, נ. מ. באבאר,	3
הכנסת כלה, י. ל. פרץ,	3
אַ וויגרישנער בילעט, שלום-עליכם,	3
ווילדע מענשען אין אויסטראַליען, א. קאָטיק,	3
ווענס-לייט. בילדער פון מ. ספעקטאָר,	5
ווערא, ד. עדעלשטאַט,	3
זעלדע געהט אין טהעאַטער, ב. גאָרין,	3
חינא (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	5
דער חלום, י. ל. פרץ,	3
חסידישע מעשה׳לעך, י. ל. פרץ,	10
דאָס טעפעל, שלום-עליכם,	3
יאַנקעל פעססימיסט, י. ל. פרץ,	3
ירחמיאל׳קע,	3
אַ כעס פון אַ יודענע, י. ל. פרץ,	3
ל״ג בעומר, שלום-עליכם,	3
ליטעראַרישע בריעף, ג. זעליקאָוויץ,	5
דער ליץ, י. ל. פרץ,	10
מאַן און ווייב, מ. ספעקטאָר,	3
דער מאהלער, ד. עדעלשטאַט,	3
מענדעל בריינעס, י. ל. פרץ,	3
מעשה׳לעך און חלומות, י. ל. פרץ,	3
מעשה׳לעך פון דול-הויז, י. ל. פרץ,	15
משופע, י. ל. פרץ,	3
משוגענער בטלן, י. ל. פרץ,	3
משוגענער פילאָזאָף, א. גאָלדפאַדען,	15
די מוסרים, ב. גארין,	3
דער משולח, י. ל. פרץ,	3
ניט קיין גלייכע פּאָר, בן אביגדור,	3
נייער ראַבינער, ש. פרוג,	3
נעבאך, ב. גארין,	3
נעילה, י. ל פרץ,	3
די נשמה, י. ל. פרץ,	3
עגיפטען (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	15
ערקעלטונג און קאַטאַר, א. טאַנענבוים,	3
אַנ׳עצה, שלום-עליכם,	3
פּאָעזיע, י. ל. פרץ,	5
דאָס פינטעלע יוד, א. גאָלדפאַדען,	5
אַ פעקעל בריעף, י. ל. פרץ,	5
פערעלע, שלום-עליכם,	3
פרעה׳ס יורשים, י. ל. פרץ,	3
פונ׳ם פריזיוו, שלום-עליכם,	3
פישעל דער מלמד, שלום-עליכם,	5
אַ פערשטערטער שבת, י. ל. פרץ,	3
דער פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאחנע, י. ל. פרץ,	3
דער פעטער פיני מיט דער מוהמע רייזע, שלום עליכם,	3
פריינקעל׳ס שריפטען,	5
צו וואָס טויג טהעאַטער, ב. פייגענבוים,	3
צוויי קברים, ש. ראַבינאָוויץ,	3
צוויי פעסלאך ווייך, מ. ספעקטאָר,	3
דער קאר קאָנדוקטאָר, ד. עדעלשטאַט,	3
קליינע מעשה׳לעך, י. ל. פרץ,	3
די רומענישע אידען אין אַמעריקא, ד. מ. הערמאַלין,	3
רייזע בילדער, י. ל. פרץ,	10
דאָס שטריימעל י. ל. פרץ,	3
שלוב-פיוווישקע, מ. ספעקטאָר,	3
שמשון שלמה מיט זיינע פערד, י. דינעזאָהן,	3
שמעריל׳ס שמחה, מ. ספעקטאָר,	3
שרה פעבי, מ. ספעקטאָר,	3
שרה׳לע, מ. ספעקטאָר,	3

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער:

היברו פאבלישינג קאמפאני.

83-85-87 קאַנאַל סטריט, נו־יאָרק.